בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
קל"ב

יו"ל: כ"ב שבט ה'תשפ"ד לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:

**יוסף מענדל האָס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
**(ארה"ק: 072-257-3456)**

©
כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות העתקת הטייפס ולהדפיסם, וכמו כן כדי לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של 30$
יש להתקשר:
**(+1) 845-323-9216**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:
**בקו 'מערכת ברסלב'**
**ארה"ק:** 02.560.7387
**ארה"ב:** 646.585.2985
**ענגלאנד:** 0330.390.0487
**בעלגיע:** 03.808.1775
**לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:**
**#2.1.2.1.1 ואח"כ #132**

# תוכן השיעור

**צדיקים טאנצן!**
**"אַל דֳּמִי - 'לָכֶם'"**
**גערדארפט צובינדן דאס בעטל, אבער פרייליך איז געווען...**
**דעם ערשטן 'לשם יחוד'!**
**דער רב גייט נישט צו קיין לויה**
**"די אוסטראה'ער סוחרים!"**
**אראפברענגען יענער וועלט אהערצו...**
**'אַן אמת'ער איד!'**
**"הָעִקָּר שֶׁהַכֹּל תָּלוּי בּוֹ, הוּא - - "**
**דאווענען 'בדחילו ורחימו'**
**די גאוה מעג מען האבן!**
**דער פאבריק גייט נאך**

בס"ד

# פרשת ויקהל (ח"ב)

**שנת תשל"ו**

(טייפ מס' 147#)

## צדיקים טאנצן!

[המשך שיחה על-פי ליקוטי מוהר"ן מאמר י']

(ר' נחמן בורשטיין: עס שטייט אין ימי מוהרנ"ת[א], אין אַדעם עפעס א שבת האט מען זיך צעטאנצט. זאגט ער, 'זיי האבן נישט געוואוסט פון וואנעט דאס איז, אז דאס איז "מההוא רוחא דנשיב בשית פרקין וכו'"')

**יא יא.**

די חתונה פון ר' ישראל'ן[ב] איז געווען אין טשערנאביל, און דעמאלט האט נאך רבי מאטעלע געלעבט. באלד נאך די חופה האבן אונזערע לייט זייער אסאך געטאנצט, זייער אסאך געטאנצט, עפעס געוואלדיג, די התעוררות איז געווען זייער - - ווער שמועסט נאך - עס איז דאך געווען נאך דעם רבי'נס הסתלקות, און דעם רבי'נס א קינד, פארשטייט מען אז עס איז געווען - - אלע זענען געווען, איז געווען א געוואלדיגער ריקוד.

רבי מאטעלע האט זיך געהאט אזוי צוגעשפארט נאך די חופה, און אז ער האט געהערט אז מען טאנצט, איז ער צוגעגאנגען אזוי מיטן לאנגן טלית קטן און געשטאנען

---

[א] חלק שני אות ס"ט: וּתְהִלָּה לָאֵל שֶׁשָּׂמַחְנוּ הַרְבֵּה בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּיָמִים אֵלּוּ וְרַבִּי מֶנְדִּיל שֶׁהָיָה עִמִּי כָּל הַדֶּרֶךְ שָׂמַח הַרְבֵּה מְאֹד, וְרָקַד הַרְבֵּה מְאֹד, **עַד אֲשֶׁר תָּמְהוּ כָּל הָרוֹאִים מֵהֵיכָן הוּא רוֹקֵד הַרְבֵּה כָּל כָּךְ שֶׁלֹּא כְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע** (וְהֵם לֹא יָדְעוּ מֵהַהוּא רוּחָא דְּנָשֵׁב בְּשִׁית פִּרְקִין וְכוּ' שֶׁמִּשָּׁם נִמְשָׁכִין הַמְחָאַת כַּף אֶל כַּף וְרִקּוּדִין כַּמְבֹאָר בְּהַתּוֹרָה וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים סִימָן י' עַיֵּן שָׁם).

[ב] עיין שיש"ק (חדש) ח"א, אות תל"א: בשנת תקע"ט היתה שמחת הנישואין הידועה והמפורסמת של רבי ישראל (בן רבי יצחק אייזיק ומרת שרה'קע בת רבינו) נכד רבינו הקדוש עם בתו של רבי אהרן בן רבי מרדכי המגיד מטשערנאביל (מרת חיה שרה).

בײ דער טיר פון זײן חדר און זיך אזוי צוגעקוקט װי מען טאנצט. האט ער זיך אנגערופן: "איך האב געמײנט אז עס טאנצן חסידים, דערװײל זעה איך אז עס טאנצן צדיקים!".

דעמאלט בײ דער חתונה איז צוגעגאנגען רבי מאטעלע צו רבי נתן'ען, און ער האט אים געפרעגט: "איז עפעס דא אין אײער רבי'נס ספר אַן עצה אויף דעם חולאת "חי"ת נו"ן?" (- ח'ולי נ'ופל) - אזוי האט ער אים געפרעגט בײ דער חתונה [- אײנער פון זײנע קינדער האט געהאט דאס חולאת]. האט רבי נתן געענטפערט: "יא, דער רבי ברענגט[ג]: 'סְגֻלָּה לְחֳלִי נוֹפֵל רַחֲמָנָא לִצְלָן, לְפַזֵּר צְדָקָה; 'פִּזַּר נָתַן לָאֶבְיוֹנִים', רָאשֵׁי תֵבוֹת - נֶפֶ"ל'!". (ענה ואמר:) "אזוי? דארף מען דאך בײ א נײעם אנהויבן געבן צדקה!".

❖ ❖ ❖

## "אַל דֳּמִי - לָכֶם"

דער אמת װאס עס איז עפעס געװען בײם רבי'ן און בײ זײנע מענטשן - עס איז געלעגן עפעס א מין אמת; דער עיקר אמת איז געװען - - אינגאנצן צום אויבערשטן, דאס איז דער עיקר אמת![ד]

דער רבי האט געזאגט: "איך האב אין אײך אסאך אמת ארײנגעבראכט"[ה]. װײזט אויס, אין דעם רבי'נס זאך איז דא אזוי פיל אמת אז מען קען טוהן און טוהן און טוהן - און (עם כל זה) זאל עס זײן מיט אַן אמת, עס זאל נישט זײן קײן רוח גבוה. נאר װאס דען, מען דארף ארײנגײן אין רבי'נס זאך.

---

[ג] ליקוטי מוהר"ן סי' ר"א.

[ד] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ס"ו: **הָעִקָּר הָאֱמֶת אֵינוֹ רַק אֶחָד, דְּהַיְנוּ לְהִתְפַּלֵּל בֶּאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ בִּשְׁבִיל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לְבַדּוֹ.**

[ה] עיין חיי מוהר"ן אות תקל"ח.

מען האט כמה מאל געהערט שוין פון דעם, עס שטייט אין די מעשה פון דעם 'בן מלך ובן שפחה שנתחלפו'[ו]: "מען האט מורא געהאט צו רעדן אז זיי זענען פארביטן געווארן, ווארום דער מלך וועט דאך געוואויר ווערן, אבער שטילערהייט האט מען זיך געשושקעט". ביחידות דארף מען רעדן דאס גרויסקייט פון רבי'ן, די כוחות וואס עס איז דא ביים רבי'ן!

מען זאגט דארטן אין חצות[ז]: "אַל דֳּמִי לָכֶם, וְאַל תִּתְּנוּ דֳמִי לוֹ". מען דארף רעדן דאס גרויסקייט פון דעם רבי'ן, אט דאס איז דער "אל דמי - לכם" - צווישן אייך זאל נישט זיין קיין שווייגונג; "ואל תתנו דמי לו" - צום אויבערשטן זאל מען אוודאי נישט שווייגן; אבער צווישן אייך זאל אויך נישט זיין; דאס איז א יסוד פון דעם רבי'נס זאך - מען רעדט, מען קומט זיך צונויף.

אז מען זעהט זיך אין גאס - דארף מען רעדן פון דעם תכלית, קיין אנדערע דיבורים איז נישטא!

פארוואס האט דער אויבערשטער אזוי צוגעפירט אז ווען דו גייסט אין גאס זאלסטו זיך מיט אים טרעפן? דאס איז נישט - 'עס האט זיך געמאכט אזוי', נאר מן השמים האט מען צוגעפירט דו זאלסט זיך זעהן מיט אים; רעדט זיך דורך פון דעם תכלית, לאז אים נישט אפ, רעדט זיך דורך פון דעם תכלית![ח]

---

[ו] מעשה י"א מסיפורי מעשיות.

[ז] עיין טעם זקנים קונטרס י"ז: אונזערע לייט פלעגן טייטשן, מען זאגט דארטן אין חצות: **"אל דמי לכם, ואל תתנו דמי לו"** (ישעי' סב, ו-ז). דער "אל תתנו דמי לו" איז, אז מען זאל נישט שווייגן, מען זאל רעדן צום אויבערשטן. אבער וואס איז דער "אל דמי **לכם**"? נאר, ביי אייך אליין זאל נישט זיין קיין שווייגן! איר זאלט אליין נישט שווייגן! חוץ וואס איר רעדט צום אויבערשטן - דאס איז נאך ווינציג; ביי אייך אליין - איר זאלט רעדן איינער מיט דעם אנדערן, "אל דמי **לכם**" - ביי אייך זאלט איר נישט שווייגן.

[ח] עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת הראיה ה"ה, אות ו': הָאָדָם צָרִיךְ שֶׁבְּכָל מַה שֶּׁרוֹאֶה בְּעֵינָיו יַזְכִּיר אֶת עַצְמוֹ בַּה' יִתְבָּרַךְ עַל יְדֵי הָרְמָזִים שֶׁה' יִתְבָּרַךְ מְרַמֵּז לוֹ בְּכָל דָּבָר וְכַנַּ"ל. וּבִפְרָט כְּשֶׁרוֹאִין אֶת חֲבֵרוֹ שֶׁיְּכוֹלִין לְדַבֵּר עִמּוֹ בְּפֵרוּשׁ מֵהַתַּכְלִית. **כִּי בְּכָל עֵת שֶׁפּוֹגְעִין בְּאֵיזֶה אָדָם בִּפְרָט בַּחֲבֵרוֹ הֶחָבִיב עָלָיו, צְרִיכִין תֵּכֶף לְהַזְכִּיר אֶת עַצְמוֹ בְּתַכְלִית הָעוֹלָם הַבָּא, כִּי מֵהָאָדָם יְכוֹלִין לְהָבִין וְלִשְׁמֹעַ בְּיוֹתֵר רְמָזִים שֶׁהֵם בִּבְחִינַת זִכָּרוֹן** הַנַּ"ל. גם עיין עלים לתרופה במכתב מיום א' ערב סוכות תר"א: שֶׁבִּבְחִינָה זֹאת צָרִיךְ אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי לֵילֵךְ בַּדֶּרֶךְ, הֵן רָחוֹק הֵן קָרוֹב אוֹ בְּעִירוֹ כְּשֶׁהוֹלֵךְ בִּשְׁבִיל מַשָּׂא וּמַתָּן וּפַרְנָסָה כְּגוֹן לְבֵית הַפָּאסְט וְכוּ' ...

רעדט מען דא אלץ פון דעם רוח הצדיק. אז דער רוח הצדיק בלאזט אריין אין אים, טרייבט ער אוועק דעם 'רוח גבוה', דעם 'אל אחר' (- כמבואר שם בַּתורה בפנים).

❖ ❖ ❖

## געדארפט צובינדן דאס בעטל, אבער פרייליך איז געווען...

"וְזֶה בְּחִינַת רִקּוּדִין וְהַמְחָאַת כַּף. כִּי רִקּוּדִין וְהַמְחָאַת כַּף נִמְשָׁכִין מִבְּחִינַת הָרוּחַ שֶׁבַּלֵּב, כַּנִּרְאֶה בְּחוּשׁ".

דער 'רוח הצדיק' וואס ער בלאזט אריין און טרייבט ארויס דעם רוח גבוה, דאס איז 'ריקודין והמחאת כף'. ווארום ריקודין און המחאת כף נעמען זיך פון דעם רוח שבלב, פון דעם רוח הצדיק, כנראה בחוש.

"כִּי עַל יְדֵי שִׂמְחַת הַלֵּב הוּא מְרַקֵּד וּמַכֶּה כַּף אֶל כַּף; וְכַמּוּבָא בַּתִּקּוּנִים (תִּקּוּן כא נ"א): 'וְהַאי רוּחָא נָשֵׁב בְּשִׁית פִּרְקִין דִּדְרוֹעָא וּבְשִׁית פִּרְקִין דְּשׁוֹקִין', וְהִיא בְּחִינַת הַמְחָאַת כַּף וּבְחִינַת רִקּוּדִין. וְזֶהוּ בְּחִינַת: 'לִבּוֹ נָשָׂא אֶת רַגְלָיו' (בְּרֵאשִׁית רַבָּה, וַיֵּצֵא, פָּרָשָׁה ע), הַיְנוּ עַל יְדֵי הָרוּחַ שֶׁבַּלֵּב בָּאִים הָרִקּוּדִין; הַיְנוּ עַל יְדֵי הַצַּדִּיק שֶׁהוּא בְּחִינַת רוּחַ כַּנַּ"ל, נִתְבַּטֵּל הַגַּאֲוָה כַּנַּ"ל" (וכו' עיין שם בפנים).

---

**וְגַם צָרִיךְ לְכַוֵּן אוּלַי יִפָּגַע עִם אֵיזֶה אָדָם לְדַבֵּר עִמּוֹ מֵהַתַּכְלִית. וּלְהוֹדִיעַ לוֹ מֵאֲמִתַּת הַחִדּוּשִׁים שֶׁל הִתְגַּלּוּת הַתּוֹרָה שֶׁל צַדִּיקֵי אֱמֶת שֶׁבַּדּוֹר** וְכוּ', וְעוֹד יֵשׁ הַרְבֵּה בָּזֶה. גם עיין ליקוטי הלכות הל' פקדון ה"ה, אות ל"ט, בא"ד: "וְעַל כֵּן **צְרִיכִין לְהַאֲמִין** שֶׁעִקַּר כַּוָּנַת ה' יִתְבָּרַךְ **מַה שֶּׁמְּסַבֵּב שֶׁיִּסַּע הָאָדָם** הוּא רַק בִּשְׁבִיל שְׁלֵמוּת הַתּוֹרָה כַּנַּ"ל הַיְנוּ שֶׁהָאָדָם צָרִיךְ לָצֵאת מִבֵּיתוֹ לֵילֵךְ אוֹ לִנְסֹעַ לְמָקוֹם אַחֵר **כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לְהִתְוַעֵד עִם אָדָם אַחֵר אוֹ עִם כַּמָּה אֲנָשִׁים לְדַבֵּר עִמָּהֶם מֵהַתַּכְלִית הָאֲמִתִּי וְהַנִּצְחִי שֶׁיְּעוֹרְרוּ זֶה אֶת זֶה אֶל הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ כִּי זֶה כָּל הָאָדָם**. וְכָל אָדָם צָרִיךְ לְדַבֵּר עִם חֲבֵרוֹ בְּיִרְאַת שָׁמַיִם בְּכָל יוֹם וּבְכָל עֵת, וְעַל כֵּן מְסַבֵּב ה' יִתְבָּרַךְ שֶׁיֵּלֵךְ וְיִסַּע הָאָדָם הַכֹּל רַק בִּשְׁבִיל זֶה. וְרַק זֶה יָדוּעַ שֶׁכָּל הַדְּבָרִים שֶׁבָּזֶה הָעוֹלָם בְּהֶכְרֵחַ שֶׁיִּתְלַבְּשׁוּ בַּמֶּה שֶׁמִּתְלַבְּשִׁים וְהַקְּלִפָּה קוֹדֶמֶת לַפְּרִי עַל כֵּן עַל פִּי רֹב מִתְלַבְּשִׁים הַנְּסִיעוֹת וְהַטִּלְטוּלִים בְּעִסְקֵי חֹל. אֲבָל הֶחָפֵץ בֶּאֱמֶת צָרִיךְ לָשׂוּם לִבּוֹ לְשֹׁרֶשׁ הַדָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה כִּי בְּוַדַּאי כָּל דָּבָר יֵשׁ לוֹ שֹׁרֶשׁ בִּקְדֻשָּׁה. עַל כֵּן צָרִיךְ כָּל אֶחָד לָשׂוּם לֵב לְהַאֲמִין שֶׁעִקַּר נְסִיעָתוֹ וְטִלְטוּלוֹ כְּדֵי שֶׁיִּתְוַעֵד עִם בְּנֵי אָדָם אוּלַי יוּכַל לְדַבֵּר עִמָּהֶם דִּבְרֵי אֱמֶת ... וְזֶה עִקַּר שֹׁרֶשׁ כָּל הַנְּסִיעוֹת שֶׁבָּעוֹלָם", עיי"ש וכו'.

דער רבי האט דעמאלט געזאגט: **"אט גייט פורים, וועלן אידן טאנצן און פליעסקענען** (- פאטשן) **וועלן זיי ממתיק דינים זיין!"**[ט].

זאגט דער רבי דא, דער רוח הצדיק דאס טרייבט ארויס די גאוה - ער בלאזט אריין אין די פיס און אין די הענט, און דאס איז די 'המחאת כף וריקודין'. דורך דעם רוח שבלב קומט די ריקודין, "היינו על ידי הצדיק וואס ער איז דער רוח".

די ריקודין אליין וואס עס איז געווען... (- באומן); דא טאנצט מען ווינציג - אין אומאן איז אזעלכע ריקודין געווען - א געוואלד! ווער שמועסט - ביי א חתונה; דא ביי א חתונה איז דא פיש מיט פלייש מיט א גוטן 'אולם'; דארטן איז דאך גארנישט געווען, בלויז א שטיקל הערינג, א שטיקל ברויט, און דאס איז אויך נישט געווען גענוג... מיט א גרויסן טאפ וואסער אין וואס מען האט אריינגעטוהן דארטן אביסל - - דאס איז געווען די משקה, אבער פרייליך איז מען געווען.

איך געדענק, אז ר' הערש לייב (ליפל) האט חתונה געהאט, איז געווען ר' נחמן קאנעלסקי, האט ער געבראכט א בעטל א צובראכנס, די פיס האט מען געדארפט צובינדן... און עפעס א טישל - אבער פרייליך איז מען געווען.

איך געדענק זיין חתונה, די חופה איז געווען א שבת נאך שבועות אין אומאן, די חופה איז געווען פרייטאג פארנאכט, און די סעודה איז געווען מוצאי שבת - איי וואספארא ריקודין דארטן איז געוועזן... איך בין געווען אזוי ווי דער אבי הכלה - די שווער און שוויגער האבן שוין נישט געלעבט, און וואס דארטן האט זיך געטוהן - ריקודין!

עס איז געווען אזעלכע מענטשן ביי די חתונה, זיי זענען געווען אביסעלע משכילים, וואס דער טאטע זיינער איז געווען א ברסלב'ער חסיד - איז ער אויך געקומען, מען

---

[ט] עיין שיחות הר"ן, אות קל"א: כְּשֶׁכָּתַבְתִּי לְפָנָיו הַתּוֹרָה וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים (סִימָן י' חֵלֶק רִאשׁוֹן מִלִּקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן) הַמַּתְחֶלֶת: כְּשֶׁיֵּשׁ דִּינִים חַס וְשָׁלוֹם, עַל יִשְׂרָאֵל, עַל־יְדֵי רִקּוּדִין וְהַמְחָאַת כַּף נַעֲשֶׂה הַמְתָּקַת הַדִּינִים וְכוּ', אָמַר לִי: **כָּךְ אָמַרְתִּי, שֶׁעַכְשָׁו נִשְׁמַע גְּזֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם, עַל יִשְׂרָאֵל וְהִנֵּה הוֹלְכִים וּמְמַשְׁמְשִׁים לָבוֹא יְמֵי הַפּוּרִים הָאֵלֶּה** (כִּי הַתּוֹרָה הַזֹּאת נֶאֶמְרָה סָמוּךְ לְפוּרִים) **וְיִהְיוּ יִשְׂרָאֵל מְרַקְּדִים וִימְחָאוּ כַּף וְעַל־יְדֵי־זֶה יַמְתִּיקוּ הַדִּינִים.** וְחָזַר וְכָפַל דְּבָרָיו וְאָמַר בְּפֶה מָלֵא '**כָּךְ אָמַרְתִּי**', וכו' עיין שם.

האט אים פאַרבעטן (- לחתונה, כי חשבו שיראה) אַן ארעמאן א חתן - וועט ער עפעס געבן געלט. איז ער געקומען צו די חתונה.

אזוי ווי דער עולם טאנצט, רופט זיך אָן יענער: "הערט זיך איין, איר טאנצט איצטער זייער אסאך - וואס וועלן זיי טוהן מארגן? פון וואנעט וועלן זיי נעמען מארגן צו עסן?!" - נעמט ער שוין ארויס א סכום און לייגט ארויס אויפן טיש. האבן שוין אנדערע אויך געגעבן. האט מען דאס געלט איבערגעגעבן ר' חיים שבת'ס - ער איז געווען א סוחר, האט ער דאס אריינגעלייגט אין מסחר, האט ער זיי ארויסגעגעבן אלע וואך א שטיק צייט אויף צו לעבן.

פארשטייסטו וואספארא התעוררות עס איז געווען ביים טאנצן?! דער דאזיגער - א משכיל - איז נתעורר געווארן און זיך אנגערופן: "איר טאנצט גוט, אבער פון וואו וועלן זיי נעמען מארגן וואס צו עסן?!" - עס איז טאקע אזוי געווען - מארגן איז נישט געווען וואס צו עסן...

אזעלכע ריקודין איז געווען, אז ממש - מסירות נפש, מיט אלע כוחות! ר' ברוך (חתן ר' געצע) האט זיך צעלאזט מיט א 'ריקוד' - שעה'ן! שעה'ן![י]

ביים רבי'ן איז געווען עפעס א מין סארט אמת, און ביים רבי'ן איז דער אמת דא. נאר וואס דען, מען דארף עס אויסניצן מיט די ספרים, מיטן מויל און מיטן הארץ - "מיטן פיסק און מיטן הארץ!"[יא] און מיט חברים גוטע - רעדן צוזאמען, דעמאלט גייט עפעס אריין אביסעלע אמת פון דעם רבי'ן.

'איך האב איך אסאך אמת אריינגעבראכט'. דער אמת איז 'חותמו של הקדוש ברוך הוא', דעמאלט האט אלץ וואס מען טוהט א שלימות.

---

[י] עיין עוד טעם זקנים קונטרס מ"ד.

[יא] עיין חיי מוהר"ן, אות רצ"ה: שָׁמַעְתִּי בִּשְׁמוֹ שֶׁאָמַר אִלּוּ הָיִינוּ רוֹאִין אוֹצָר הָיִינוּ רָצִים בְּוַדַּאי אֵלָיו וְהָיִינוּ חוֹפְרִים וּמְלַכְלְכִים עַצְמֵנוּ בְּרֶפֶשׁ וָטִיט בִּשְׁבִיל לַחְתֹּר אַחֲרָיו וּלְמָצְאוֹ. וַהֲלֹא אֲנִי אוֹצָר שֶׁל יִרְאַת שָׁמַיִם וּמַדּוּעַ לֹא יִהְיוּ לְהוּטִים וְרָצִים אַחֲרַי לְקַבְּלוֹ. וְשָׁאֲלוּ אוֹתוֹ אֵיךְ אֶפְשָׁר לְקַבֵּל וְהֵשִׁיב עִם הַפֶּה וְהַלֵּב צְרִיכִין לַחְתֹּר וּלְבַקֵּשׁ (מִיטְן פִּיסְק אוּן מִיטְן הַארְץ) בְּפִיךָ וּבִלְבָבְךָ לַעֲשׂוֹתוֹ.

א מענטש איז דאך א רחמנות, ער טוהט אזויפיל - ער דאוונט, ער לערנט - זאל עס כאטש האבן א שלימות, זאל עס האבן ביים אויבערשטן א חשיבות, אבער דאס איז נאר אז עס איז מיט אַן אמת - און מיר שטייען דאך ביים 'פלטין של אמת'[יב] - די ספרי אמת - אלץ איז אמת! גייט אריין אביסל נענטער, גייט אריין אביסל אינעווייניג אריין!

❖

## דעם ערשטן 'לשם יחוד'!

ר' הערש לייב איז געווען אזא מין יונגערמאן, ער האט אזוי געברענט, אזוי געפלאקערט. איך געדענק טאקע דעם שבת אינדערפרי (למחרת חתונתו) ווי ער איז געשטאנען און אנגעטוהן דעם טלית אין שול דעם ערשטן מאל און געזאגט דעם 'לשם יחוד', און דעם 'יהי רצון' וואס מען זאגט נאך די ברכות (השחר), ער האט געגעבן אזעלכע קולי קולות ביי דעם 'לשם יחוד' אז דער עולם איז געשטאנען איידער מען איז אריינגעגאנגען אין שול אריין...

דער חתן - נעכטן איז געווען די חופה - און דא אזעלכע קולות, אָה!

(ר' נחמן: מען האט אים נישט געוואלט שטערן?) אז מען גייט אריין ווער מען איבערהאקן, ער איז געקומען נאך פארן עולם...

אט דאס האט געזאגט דער (אדלער) אין דער ערשטער מעשה פון די ז' בעטלערס: "הערט אויף זיין ארעמעלייט, הויבט אָן ניצן מיט אייערע אוצרות!". מיר האבן אוצרות!

מיר האבן אוצרות פון דעם רבי'ן אז מיר קענען זיין אמת'ע מענטשן!

---

[יב] ועי' עלים לתרופה במכתב מיום ו' ויגש תקפ"ו: "מַה אֹמַר לְךָ אָחִי, מְעַט אַתָּה יוֹדֵעַ אֲשֶׁר בִּלְבָבִי, יוֹתֵר מִזֶּה אִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר בִּכְתָב. אִם תִּרְצֶה נְקֻדַּת הָאֱמֶת, אִם תְּבַקְשֶׁנָּה כַּכֶּסֶף וְכַמַּטְמוֹנִים תְּחַפְּשֶׂנָּה, **תְּבַקֵּשׁ הָאֱמֶת בְּהַפָּלָטִין שֶׁל אֱמֶת**, הַנִּבְנֶה עַל יְדֵי אַנְשֵׁי אֱמֶת, עַל יְדֵי בַּעַל אֱמֶת, אָז תָּבִין יִרְאַת ה' וְדַעַת אֱלֹקִים תִּמְצָא. וּבְוַדַּאי אַתָּה יוֹדֵעַ וּמֵבִין אֶת אֲשֶׁר אֲנִי מְרַמֵּז לְךָ כִּי עִנְיַן הַפָּלָטִין שֶׁל אֱמֶת מְבֹאָר מְעַט בְּסוֹף הַסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, אַךְ בֶּאֱמֶת אֵין אַתָּה יוֹדֵעַ כְּלוּם" וכו', עיי"ש.

**נישט** (דווקא) **קיין גרויסקייטן. דער רבי זאגט דאך**[יג] **- 'יעדער איינער אין זיין ערך!'. טאמער וועט זיך איינער וועלן כאפן העכער** (ממדריגתו)**, איז דאך עס שוין נישט קיין אמת. מען דארף זיך קענען, איך דארף וויסן - ווער בין 'איך' און ווער איז 'יענער', אבער אין דיין ערך קענסטו האלטן ביי אמת, טאקע נאר אין דיין ערך; 'דו ווילסט צוקריכן צו יענעמ'ס אמת?!'**[יד]

**יעדער איינער האט זיך 'זיין' אמת. דער רבי זאגט: "אמת איז דער אויבערשטער!". "ה' אורי" - אז דער אויבערשטער לייכט מיר, דעמאלט האב איך פתחים ארויסצוגיין פון דעם חושך; אמת איז א ליכטיקייט.**

**עס זענען געווען טאקע ביי אונז מענטשן, פראסטע מענטשן, אבער אזעלכע אמת'ע אידן געווען, אמת! נאר "לה' לבדו"! נאר לה'!**[טו]

**דער רבי האט דאך געזאגט: "איך וועל אויספירן מיט מיינע בעלי בתים אזוי ווי איך פיר אוים מיט די חסידים!". פארוואס? אז יעדער איינער האט זיך געצויגן צו 'זיין' אמת, איז א בעל בית אויך זייער גוט.**

❖

---

[יג] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ט'; וסי' קי"ב.

[יד] עיין ליקוטי הלכות הל' נזקי שכנים ה"ה, אות ב': **וּמִזֶּה נִמְשָׁכִים רִבּוּיֵי הַשִּׁנּוּיִים שֶׁבֵּין אֶחָד לַחֲבֵרוֹ אֲפִלּוּ הַכְּשֵׁרִים וְהַיְשָׁרִים**, כִּי זֶה מִתְפַּלֵּל בַּאֲרֻכָּה וְזֶה בִּמְהִירוּת זֶה בְּקוֹל רָם וְזֶה בְּקוֹל נָמוּךְ וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה שִׁנּוּיִים בְּעִנְיַן תְּפִלָּתָם וַעֲבוֹדָתָם לְאֵין מִסְפָּר אַף עַל פִּי שֶׁשְּׁנֵיהֶם כַּוָּנָתָם רְצוּיָה בֶּאֱמֶת, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: אֶחָד הַמַּרְבֶּה וְאֶחָד הַמַּמְעִיט וּבִלְבַד שֶׁיְּכַוֵּן לִבּוֹ לַשָּׁמַיִם, כִּי אַף עַל פִּי שֶׁשְּׁנֵיהֶם כַּוָּנָתָם בֶּאֱמֶת, **אַף עַל פִּי כֵן הָאֱמֶת שֶׁל כָּל אֶחָד מְשֻׁנֶּה מֵחֲבֵרוֹ.** עיין גם ליקוטי הלכות הל' שבת ה"ז, אות ע"ד.

[טו] עיין ליקוטי הלכות הל' דיינים ה"ג, אות י"ט: אִי אֶפְשָׁר לִזְכּוֹת שֶׁיָּאִיר לוֹ מְעַט **הָאֱמֶת שֶׁלּוֹ** כִּי אִם עַל יְדֵי שֶׁזּוֹכֶה **לְהִתְקָרֵב לְצַדִּיקֵי אֱמֶת** שֶׁהֵם בְּחִינַת עֶצֶם הָאֱמֶת הַמֵּאִיר בְּכָל נְקֻדָּה וּנְקֻדָּה שֶׁל אֱמֶת שֶׁיֵּשׁ בְּכָל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל **אֲפִלּוּ בְּהַפָּחוּת שֶׁבַּפְּחוּתִים וְהַגָּרוּעַ שֶׁבַּגְּרוּעִים.**

# דער רב גייט נישט צו קיין לויה

אין די מעשה וואס דער רבי האט דערציילט פאר די טאכטער ווען זי איז געווען שלאַף[טז], ענדיגט זיך צום סוף דאס בלעטל (של פנקס הקהילה, כדלהלן): "אט דאס זענען געווען די אוסטראה'ער סוחרים און די אוסטראה'ער פרנסים!".

דער רבי האט דערציילט צוויי מעשיות וואס האט שייכות צו דעם מהרש"א - די מעשה, און נאך א מעשה (פון דעם "קלויסטער"[יז]).

(הסיפור היה[יח]:) דער מהרש"א איז געווען רב אין אוסטראה, מען האט נישט געהאט קיין שול, האט מען געבויעט א שול - א שיינע שול. אז מען האט געדארפט לייגן דעם ערשטן שטיין (- אבן הפינה), האט מען געוואלט מכבד זיין דעם מהרש"א ער זאל לייגן דעם ערשטן שטיין. האט זיך אנגערופן א גביר: "מיר דארפן דאך האבן געלט צו בויען - לאמיר דאס פארקויפן!" - האט מען אנגעהויבן פארקויפן. האט דער גביר וואס ער האט געזאגט אז מען דארף פארקויפן - האט ער דאס געקויפט, ער האט געגעבן א זעקל גאלד - א זאק רענדלעך - צו לייגן דעם ערשטן שטיין, און נאכדעם האט ער מכבד געווען דעם מהרש"א ער זאל לייגן דעם שטיין.

אז ער האט געטוהן אזא געוואלדיגע זאך - ער העלפט בויען דער שול און דערנאך איז ער נאך מכבד דעם מהרש"א, האט דער מהרש"א אים געזאגט: "זאג מיר וואס דו דארפסט - דאס קענסטו פועל'ן!".

---

[טז] עיין שיש"ק (חדש) ח"א, אות תקכ"ט: מעשה שבא רביה"ק לבית בתו מרת שרה לבקרה, כי היתה חולה מאד, וישב אצלה רבינו בצער גדול, ונרדם. בא אליו זקינו הבעש"ט הקדוש ואמר לו: "מה אתה כל כך בצער?"; השיב רבינו: "הלא בתי כל כך חולה!". אמר לו הבעש"ט: "הלא כתוב בתהלים (יח, נא) 'מגדיל ישועות מלכו ועושה חסד למשיחו לדוד ולזרעו עד עולם'!"; פירוש: "מגדיל ישועות מלכו" - מאן מלכי? רבנן! (ראה גיטין סב.), "ועושה חסד" - השי"ת עושה חסד "למשיחו", אל תקרי 'למשיחו' אלא 'למשיחו', למי שמשיח ומספר מהם, "לדוד ולזרעו עד עולם" - אלה הם רבינו ויוצ"ח שבאים מזרע דוד המלך ע"ה. וסיפר לה אז רבינו מעשה נורא מהרב המהרש"א זצ"ל ונתרפאה; וזה המעשה וכו' עיי"ש. (עיין גם חיי מוהר"ן אות תע"ט).

[יז] עיין שיש"ק שם, אות תק"ל.

[יח] כמה פרטים מלשונות שלא היה ברור כל כך, השלמנו משיחה בפעם אחרת - בהעלותך תשל"ז - טייפ מס' 244#.

דער גביר האט נישט געהאט קיין קינדער, זאגט ער: "איך וויל א זון וואס ער זאל זיין אזוי ווי איר זענט!". האט ער אים געזאגט: "דאס איז צו א גרויסע זאך!" [א זון - מילא, אבער א זון אזוי ווי דעם מהרש"א וויל ער האבן!?]; נאר וואס דען - ער האט דאך אים צוגעזאגט - (האט דער מהרש"א געזאגט) דאס קען נאר זיין אז בשעת זי וועט ווערן מעוברת זאל ער אוועקגיין, און ביי די לידה זאל זי אוועקגיין; איז דאך דא א יתום, וועט אינגאנצן זיין פארמעג בלייבן פאר דעם יתום; און דער מהרש"א וועט אים מגדל זיין - אזוי קען זיין אז ער זאל אויסוואקסן.

ער באשטייט 'שוין' - און זי באשטייט אויך (- הגביר וזוגתו הסכימו לדבר) - אויף צו האבן אזא מין זון - באשטייען זיי.

אזוי איז טאקע געווען, ער איז געווארן א יתום באלד פון די לידה אָן. און ער איז מגודל געווארן ביי דעם מהרש"א אין שטוב. האט מען געוואוסט אז עס וואקסט 'דער צווייטער מהרש"א' - אלע האבן דאס געוואוסט, אבער מען האט נישט געזעהן אין אים אזוי אז ער זאל זיין דער צווייטער מהרש"א.

נאכדעם איז דער מהרש"א נפטר געווארן, איז ער געווארן רָב, ער איז געווארן דער ממלא מקומו. האט דער נייער רב געהאט אזעלכע זאכענישן וואס די שטאט האט נישט געוואלט ליידן, עס איז דא וואס צו רעדן, און דער עיקר איז געווען וואס ער פלעגט נישט גיין אויף קיין לויה, און די שטאט איז געווען ברוגז אויף דעם.

אמאל איז עפעס איינער נפטר געווארן דארט, א 'שם דבר' אין שטאט. איז אריינגעגאנגען דער שמש צום רב און זאגט אים: "רבי, אויב איר וועט נישט גיין אויף דער לויה וועט מען אייך אפזאגן פון זיין רב, די שטאט איז ברוגז!". (ענה:) "נו, וועל איך יא גיין!".

שוין, מען איז דורכגעגאנגען מיטן נפטר, האט מען זיך אפגעשטעלט דארט אינדרויסן ביי זיין שטוב. איז דער נייער רב ארויסגעגאנגען, האט ער א מאך געגעבן

מיט דער האנט[יט] - איז געלעגן א שטיקל האלץ אויף די מיטה... דער נפטר איז שוין נישט געווען...

(ענה הרב ואמר:) **"זעהט איר - דאס איז דאך אייערע** (חשוב'ע נפטרים) - **און מען האט אים שוין אויסגעכאפט** (- מלאכי חבלה)... - **איז וועמען זאל איך נאכגיין?!"**. האט ער געמאכט קריק (מיט דער האנט) - און דער נפטר ליגט ווידער צוריק. האבן זיי שוין געזעהן ווער ער איז - זיי האבן געזעהן אז דאס א גרויסער מענטש[כ].

❖

## "די אוסטראה'ער סוחרים!"

שפעטער איז געווען די מעשה מיט דעם נייעם רב'ס זון. עס איז שוין אוועקגעגאנגען יארן, איז ער (- בן הרב) געלעגן אמאל מיט 'הינערפלעט' (- חולי תרדמה). עס איז געווען א חולאת - עס האט געהייסן 'הינערפלעט'. [איך וויים נישט ווי אזוי מען רופט עס היינט, און צו עס איז היינט דא דאס קראנקייט]. מען איז אפגעלעגן א צען טעג, צו צוויי-דריי וואכן, וואס דערנאך, אדער האט מען זיך אויפגעכאפט - אדער נישט, אדער האט מען געקענט פארבלייבן א בעל מום.

(ר' נחמן: מען האט זיך נישט גערירט אינגאנצן?) **ג-א-ר-נ-י-ש-ט!**

געוועהנטליך (- פארשטייט זיך), א רוח איז געווזן, אבער מער - נישט. (ר' נחמן: איז מיט וואס האט מען זיך געהאלטן?) אפשר האט מען אים געגעבן דארטן א טראפ אין מויל אריין.

איז זיין זון געלעגן מיט דעם חולאת. אז ער האט זיך אויפגעכאפט, האט דער זון נאכדעם דערציילט וואס עס איז געווען מיט אים (בעולם העליון). [(ר' נחמן: עס איז נאך געווען בחייו פונעם טאטן?) **יא יא!**].

---

[יט] התנועה של רלוי"צ היה כמי שפורס סדין על המיטה (ר' מאיר קארליבאך).

[כ] מעשה זו עד כאן מובא גם בכוכבי אור - בסיפורים נפלאים.

דער זון איז געווען א סוחר מיט נאך איינעם א חבר דארטן - אויך א סוחר. האט דער רב'ס זון אמאל א זאג געגעבן צו יענעם [בשעת זיי האבן עוסק געווען אין 'משא-ומתן']: "אויב אזוי ביסטו דאך א גנב!" [- 'אויב טוהסטו אזוי, ביסטו דאך א גנב'].

יענער סוחר איז נפטר געווארן, און יענער סוחר איז געווען א גדול בישראל וואס למעלה אין דעם בית דין של מעלה איז ער ארויס 'זכאי'. האט יענער סוחר געזאגט: "דא איז דאך אַן 'עלמא דקשוט', און מען האט מיר דאך נישט דערמאנט דא אז איך בין א גנב; איז אויב עס זאל זיין ריכטיג וואס ער האט געזאגט, וואלט מען מיר עס דאך דא געדארפט דערמאנען, און אז מען האט דאס מיר נישט דא דערמאנט, איז א סימן אז עס איז נישט אמת, איז פארוואס האט ער מיר גערופן 'גנב' אומזיסט?! וויל איך אים נישט שענקען דערפאר, איך וויל ביי אים מאנען דעם עלבון!".

מען האט זיך אויבן געבעטן ביי אים: "זיי אים מוחל, א יונגערמאן מיט קינדערלעך דארף מען אים צונעמען פון דער וועלט פאר דעם?!" - "ניין, איך וויל נישט, איך בין נישט מוחל - פארוואס האט ער מיר גערופן 'גנב'?!". האט מען זיך אויבן געבעטן ביי אים - 'ער וויל נישט' - האט מען אים גענומען צו א העכערן בית דין, און מען האט אים דארטן ווידער געבעטן, און ווידער געבעטן, ווידער געבעטן - 'זיי אים מוחל!' - "איך וויל אים נישט מוחל זיין - פארוואס האט ער מיר גערופן גנב?!". האט מען אים גענומען צו נאך א העכערן בית דין - 'ער וויל אים נישט מוחל זיין, זאל מען אים צונעמען פון דער וועלט - ער וויל מאכן מיט אים א משפט!'.

איז צוגעקומען איינער דארטן א שרף [- דארטן איז דא שרפים, און עס איז דא מלאכים - די צדיקים ווערן דארטן - - איז א שרף צוגעקומען צו אים] און זאגט אים: "דו קענסט מיר?" - "ניין, איך קען דיר נישט" - "דו קענסט מיר נישט? איך בין געווען דער פרנס פון אוסטראהא - דער און דער!" האט ער אים שוין דערקענט.

אין אוסטראהא איז געווען אזוי איינגעפירט, ערב יום כיפור איז געגאנגען דער רב מיט א בעל בית צו יעדן איינעם און מען האט אים געפרעגט - 'וויפיל איז דיין ערך פון פרנסה', (ולפי זה) האט מען געשטעלט (- שכך צריך ליתן) די צדקה אויפן גאנצן יאר צו תומך זיין די ארעמעלייט. איבער א יאר האט מען שוין נאר געפרעגט: "ביי דיר איז גלייך, צו ווינציגער, צו מערער?" - אויב ער קען - זאל ער מוסיף זיין.

(המשיך השרף-הפרנס:) "דו געדענקסט, דעם און דעם יאר האט מען דיר געפרעגט, האסטו געזאגט - 'ביי דיר איז גלייך', און (אינ'אמת'ן) ביי דיר איז געווען מער, ביסטו דאך א גנב - דו האסט גע'גנב'ט ביי די ארעמעלייט געלט, איז רעכט וואס מען האט דיר גערופן גנב!".

ביי אים איז געווען אז ער האט פארדינט דאס יאר מערער, האט ער דאך געדארפט געבן מער צדקה.

איז שטיל געווארן דער זאך, און דעמאלט האט ער זיך אויפגעכאפט (ונתרפא).

לאזט ער אוים דארטן: "זעה ווער עס זענען געווען די אוסטראה'ער סוחרים, ווער עס זענען געווען די אוסטראה'ער פרנסים!".

(ר' נחמן: ווער זאגט דאס דארטן?) דאס איז דאך געשטאנען אין דעם אוסטראה'ער פנקס[כא]; עס גייט דאך דארטן - 'א בלאט איז א מעשה'; איז אונטן פירט זיך אוים: "אט דאס זענען געווען די אוסטראה'ער סוחרים, אט דאס זענען געווען די אוסטראה'ער פרנסים!".

- א פרנס איז געווארן דארטן א 'שרף'! און א סוחר האט געהאט אזא מין שטארקייט למעלה, אזא מין כח, זיך צו שטעלן אנטקעגן די אלע בתי דינים - גיין פון דעם בית דין צו דעם בית דין - ביז מען האט אים ארויסגעוויזן!

(ר' נחמן: פארוואס האבן זיי דאס נישט אפגעדרוקט [- בכוכבי אור - סיפורים נפלאים], נאר א האלבע מעשה - ביז נאך דער לויה האט מען אפגעדרוקט?) איך ווייס נישט פארוואס, דו פרעגסט מיר א קשיא?! - דאס שטייט אין דעם אוסטראה'ן פנקס.

(ר' נחמן: דער רבי האט באצאלט דערפאר!) יא יא, יעדער בלאט קאסט א רענדל; אז מען קומט אין אוסטראה און מען וויל זעהן מעשיות פון צדיקים, פון קדמונים - די חברה קדישא גיבן אים דעם פנקס - א מעשה איז א רענדל - און וואו עס עפנט זיך אויף -

---

[כא] עיין שיש"ק שם, אות תקכ"ח: בעת ששהה (רביז"ל) בעיר אוסטראה (ראה חיי מוהר"ן קי"ח), ביקר רביז"ל שם גם בבית החברא קדישא, אשר היה להם פנקס שבכל דף ממנו היה כתוב מעשה ומופת מיוחד מצדיקים קדמונים שקרה בעיר בזמנים קודמים, וכו'.

דארטן וועסטו ליינען, און אז מען וויל נאך א מעשה - איז נאכאמאל א רענדל, און עפן אויף - וואו עס עפנט זיך אויף - קענסטו ליינען דארט דעם סיפור; איז דאס איז איינס פון די צוויי מעשיות (וואס האט זיך פארן רבי'ן אויפגעמישט).

❖

## אראפברענגען יענער וועלט אהערצו...

וואס דארף מיר ארויסנעמען פון דער זאך? 'דארטן' הייסט 'עלמא דקשוט' - אזוי רופט עס דער זוהר הקדוש אָן, און דא הייסט 'עלמא דשיקרא'; קען מען זיך נישט אויסמאלן וואספארא אמת דארטן איז דא!

דער רבי זאגט אין תורה ס"ו[כב]: "מען דארף ממשיך זיין דעם אמת פון עלמא דאתי!".

דארטן ברענגט דער רבי טאקע[כג]: "'עיקר גדולתנו ותפארתנו' וועט נאר זיין לעתיד!".

"דער עיקר אונזער גרויסקייט און אונזער שיינקייט, וועט מען זעהן לעתיד ווען משיח וועט קומען!".

על כל פנים - דאס ויסן, מיר געפינען זיך אין אַן 'עלמא דשיקרא' - די וועלט איז אַן עלמא דשיקרא, דארטן איז אַן 'עלמא דקשוט'. זאגט דער רבי, דארף מען ממשיך זיין דעם אמת פון לעתיד אויף דא.

דא אליין איז דאך אַן עלמא דשיקרא, אבער אז מען האט א זכרון פון עלמא דאתי - האב איך א קשר מיטן עלמא דאתי, קען איך שוין ממשיך זיין פון דארטן דעם אמת

---

[כב] אות ג', וזל"ש: צְרִיכִין לְהַמְשִׁיךְ בְּחִינַת עָלְמָא דְּאָתֵי גַּם בָּעוֹלָם הַזֶּה, דְּהַיְנוּ שֶׁיִּהְיֶה מַפָּלָה לָרְשָׁעִים גַּם בָּעוֹלָם הַזֶּה, **וְזֶה נַעֲשֶׂה עַל יְדֵי אֱמֶת**.

[כג] שם, וז"ל: עַכְשָׁו הַדִּבּוּר חָסֵר וְאֵינוֹ בִּשְׁלֵמוּת, מֵאַחַר שֶׁאֵין כָּל הָעוֹלָם קוֹרְאִין לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עִם הַדִּבּוּר. אֲבָל לֶעָתִיד יִקְרְאוּ כֻּלָּם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עִם הַדִּבּוּר, אֲפִלּוּ עַכּוּ"ם, וְעַל כֵּן אָז יִהְיֶה הַדִּבּוּר בִּשְׁלֵמוּת, בְּחִינַת שָׂפָה בְרוּרָה, מֵאַחַר שֶׁהַכֹּל יִקְרְאוּ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עִם הַדִּבּוּר, נִמְצָא שֶׁיֵּשׁ לְהַדִּבּוּר שְׁלֵמוּת. וְכָל זֶה יִהְיֶה לֶעָתִיד, כִּי **עִקַּר גְּדֻלָּתֵנוּ וְתִפְאַרְתֵּנוּ יִתְגַּלֶּה לֶעָתִיד לָבוֹא**, שֶׁאָז יֵדְעוּ וְיִרְאוּ הַכֹּל אֶת גְּדֻלָּתֵנוּ. כִּי אָז יִרְאוּ הַכֹּל אֶת גְּדֻלַּת וְתִפְאֶרֶת הַצַּדִּיקִים וְהַכְּשֵׁרִים, אַשְׁרֵיהֶם אַשְׁרֵי חֶלְקָם, "מָה רַב טוּבְךָ הַצָּפוּן לָהֶם".

אהערצו דא. טאמער ליג איך אבער נאר אין דער וועלט, איך טראכט גארנישט פון עלמא דאתי, איז מען דאך אין 'עלמא דשיקרא'.

אז איך האב נישט קיין קשר מיטן עלמא דאתי - ווי קען איך האלטן ביי אמת, דא איז דאך דער 'עלמא דשיקרא'!? - דארף מען זייער היטן דעם זכרון פון עלמא דאתי.

דער רבי זאגט[כד]: "ה' אלקי" - דאס איז דער 'שם מלא', "דא שירותא דמהימנותא, סליקו דמחשבה דעלמא דאתי"; דער אנהויב אמונה איז, אז די מחשבה גייט אין עלמא דאתי, אזוי ווערט נשלם די צוויי שמות "ה'-אלקי", איז מען מקשר די צוויי וועלטן - די וועלט מיט יענער וועלט!

קומט אויס, מיט א מחשבה פון עלמא דאתי איז מען ממשיך דעם אמת פון לעתיד.

אז מען טראכט פון דעם רבי'נס זאך, איז עס אויך אַן ענין פון 'סליקו דמחשבה דעלמא דאתי'!

נאר טראכטן פון דעם רבי'ן - דאס איז שוין אַן ענין פון 'סליקו דמחשבה דעלמא דאתי', ווערט שוין נמשך א נקודה פון אמת פון דארטן, פון עלמא דאתי!

## 'אַן אמת'ער איד!'

דאס איז דאך דער גרעסטער אמת - אז מען רעדט צום אויבערשטן דיבורים! דער אויבערשטער איז דאך דער מקור האמת, און אז מען רעדט צום אויבערשטן דיבורים, מען איז זיך מתמיד אין דעם, ווערט טאקע נצמח אין דעם מענטשן נקודות פון אמת - 'איך האב דאך א שייכות מיטן אויבערשטן, איך רעד דאך צו אים!'

[כד] ליקוטי מוהר"ן סי' נ"ד, אות א', וזל"ש: כִּי צְרִיכִין לִשְׁמֹר מְאֹד אֶת הַזִּכָּרוֹן, שֶׁלֹּא יִפֹּל לְשִׁכְחָה, בִּבְחִינַת מִיתַת הַלֵּב. **וְעִקַּר הַזִּכָּרוֹן הוּא לִזְכֹּר תָּמִיד בְּעָלְמָא דְּאָתֵי**, שֶׁלֹּא יִהְיֶה בְּדַעְתּוֹ, חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁאֵין עוֹלָם אֶלָּא אֶחָד. **וְעַל יְדֵי מַה שֶּׁמְּדַבֵּק מַחֲשַׁבְתּוֹ בְּעָלְמָא דְּאָתֵי, עַל יְדֵי זֶה נַעֲשֶׂה יִחוּד ה' אֱלֹקֵי** הַנַּ"ל. (כִּי ה' אֱלֹקִים הוּא בְּחִינַת שֵׁם מָלֵא, שֶׁהוּא בְּחִינַת עָלְמָא דְּאָתֵי כַּמּוּבָא. וְכֵן מְבֹאָר בְּסָבָא מִשְׁפָּטִים דַּף צ"ח עַל פָּסוּק זֶה. **ה' אֱלֹקַי - דָּא שֵׁרוּתָא דִּמְהֵמְנוּתָא, סְלִיקוּ דְּמַחֲשָׁבָה דְּעָלְמָא דְּאָתֵי**).

ווי אזוי האט ער נאר געזאגט - ר' מאיר לייב בלעכער[כה] - דעם שבח אויף רבי נתן'ען. יעדער איינער האט דאך געזאגט שבחים דארטן ביי די לויה - מען האט דאך נישט געמאכט קיין הספדים. האט זיך אנגערופן ר' מאיר לייב: **"אט דאס איז געווען אַן אמת'ער איד! אט אזוי דארף זיין א איד!"** - דעם שבח האט ער געזאגט אויף רבי נתן'ען.

דאס איז דער גרעסטער שבח - 'אַן אמת'ער'!

ביי רבי נתן'ען איז דאס געווען אויף א הויכער סארט אופן, אבער יעדער איינער אין זיין ערך קען ער זיין 'אַן אמת'ער'. דער גרעסטער שבח פון דעם מענטש איז, 'אמת'.

עס איז דא שווינדלערס, אָפּנאַרערס, קויפן זיי דארטן א פינגערל (- רינגל) - פון אויבן איז עס אפגעגילדט - אינעווייניג איז עס אבער פאלש. דא (- אין דעם עולם) קען מען טאקע אפנארן - עס איז פארהאן אמאל עבודות וואס זענען נישט מיט דעם אמת וואס עס דארף זיין, אבער ווען ער קומט ארויף דארטן (אומרים לו:) 'וואס האסטו געבראכט אהערצו דא? דא איז דאך דער 'עלמא דקשוט', דאס איז דאך א שווינדל, עס איז אויסגעשמירט, אינעווייניג איז עס פאלש, וואס האסטו דא געבראכט אהערצו?!'

נאר וואס דען, די עצה פון דעם רבי'ן פון 'רעדן צום אויבערשטן דיבורים' - דאס איז א געוואלדיגע עצה סיי ביי וואס דער מענטש טוהט - ווי אזוי דאס דאווענען איז, ווי אזוי די לערנען איז, ווי אזוי גיי איך, ווי אזוי טראכט איך - אלצדינג דערציילן דעם אויבערשטן, ממילא מיט דער עצה ווערט עפעס נצמח נקודות פון אמת.

א נקודה פון אמת אין דעם עולם אז מען כאפט ארויס, דאס איז איגאנצן דאס חשיבות![כו]

❖

[כה] מגדולי תלמידי מוהרנ"ת, ורבו של ראב"ן בנגלה.

[כו] וכלשון מוהרנ"ת בליקוטי הלכות הל' רבית ה"ה, אות ל"ב: **כָּל נְקֻדָּה וּנְקֻדָּה טוֹבָה שֶׁל אֱמֶת שֶׁל הַפָּחוּת שֶׁבְּיִשְׂרָאֵל יָקָר מְאֹד מְאֹד בְּעֵינָיו יִתְבָּרַךְ וְאֵינָהּ נֶאֱבֶדֶת לְעוֹלָם.**

# "הָעִקָּר שֶׁהַכֹּל תָּלוּי בּוֹ, הוּא - - "

דער רבי זאגט דאך דארטן אין תורה קי"ב[כז] (קורא מכפנים): "א מענטש וואס האט זיך שוין נאכגעצויגן נאך דער סטרא אחרא, און דארטן איז שוין זיין ארט, און זיי רינגלען אים ארום מכל צד, קענען נישט זיינע דיבורים און תפילות וואס ער רעדט, שפּאלטן די מחיצות ארויפצוגיין 'למעלה', בלייבן זיי איבער אונטן 'תחת המסכים' ביז ער וועט זוכה זיין אז ער וועט זיך אומקערן 'באמת' און ער וועט רעדן דיבורים וואס זיי זענען 'ראוי להתקבל'".

**זאגט דער רבי[כח]: "ווי אזוי איז מען זוכה דערצו? 'העיקר שהכל תלוי בו' איז נאר 'אמת'!".**

**דער 'עיקר שהכל תלוי בו' איז 'אמת'!**

**דער רבי רעדט דאך פון א מענטש וואס וויל זיך שוין נעמען צו די עבודות - נאר עס גייט נישט ארויף - 'העיקר שהכל תלוי בו' איז 'אמת'!**

**דאס האט מען טאקע פריער גערעדט - אלצדינג איז תלוי אין דער זאך; וואס דו טוהסט עפּעס א זאך - דו לערנסט, דו דאווענסט, דו טוהסט מצוות - עס איז דא דען**

---

[כז] וזל"ש בתחילת התורה: הִנֵּה יָדוּעַ כִּי "סָבִיב רְשָׁעִים יִתְהַלָּכוּן" (תְּהִלִּים י"ב). כִּי הַסִּטְרָא אָחֳרָא מְסַבֶּבֶת הַקְּדֻשָּׁה, כִּי אֶת זֶה לְעֻמַּת זֶה עָשָׂה. וּבִפְרָט מִי שֶׁכְּבָר נִמְשַׁךְ אַחַר עֲבֵרוֹת, חַס וְשָׁלוֹם, וְנִמְשַׁךְ אַחַר הַסִּטְרָא אָחֳרָא, וְשָׁם מְקוֹמוֹ, חַס וְשָׁלוֹם, וְהֵם מְסַבְּבִין אוֹתוֹ מִכָּל צַד. וְכַאֲשֶׁר יְעוֹרֵר רוּחוֹ לָשׁוּב אֶל ה', קָשֶׁה לוֹ מְאֹד לְהִתְפַּלֵּל וּלְדַבֵּר דִּבּוּרִים לִפְנֵי ה', כִּי הֵן מְסַבְּבִין אוֹתוֹ מִכָּל צַד, לְכָל אֶחָד לְפִי עִנְיָנוֹ כַּנַּ"ל. וּמֵחֲמַת שֶׁאִי אֶפְשָׁר לוֹ לְהוֹצִיא דִּבּוּר לִפְנֵי אֱלֹקִים **בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ** וְחִיּוּת כָּרָאוּי, לָכֵן כָּל הַדִּבּוּרִים וְהַתְּפִלּוֹת שֶׁהוּא מְדַבֵּר לֹא יוּכְלוּ לִבְקֹעַ הַמְּחִצּוֹת וְהַמְּסָכִים הַמַּבְדִּילִים לַעֲלוֹת לְמַעְלָה, וְנִשְׁאָרִים לְמַטָּה תַּחַת הַמָּסַכִּים. עַד אֲשֶׁר יִזְכֶּה וְיָשׁוּב בֶּאֱמֶת, וִידַבֵּר דִּבּוּרִים הָרְאוּיִין לְהִתְקַבֵּל **בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ** מֵעֻמְקָא דְלִבָּא בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל, אֲזַי מְבַקֵּעַ הַדִּבּוּר הַמֵּאִיר אֶת כָּל הַמְּחִצּוֹת וְהַמָּסַכִּים הַמַּבְדִּילִים, וְיַעֲלוּ עִמּוֹ כָּל הַדִּבּוּרִים שֶׁהָיוּ מֻנָּחִים לְמַטָּה עַד הֵנָּה.

[כח] שם בהמשך, וז"ל: אַךְ אֵיךְ יִזְכֶּה לָזֶה? הָעִקָּר שֶׁהַכֹּל תָּלוּי בּוֹ הוּא אֱמֶת, לֵילֵךְ בְּדֶרֶךְ אֱמֶת לְפִי מַדְרֵגָתוֹ, כִּי 'חוֹתָמוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֱמֶת' (שַׁבָּת נה יוֹמָא סט), וְהוּא יְסוֹד הַכֹּל, כִּי אֱמֶת הוּא רֹאשׁ תּוֹךְ סוֹף. וְכֵיוָן שֶׁהוּא בְּמַדְרֵגַת אֱמֶת, אֲזַי כִּבְיָכוֹל נִתְלַבֵּשׁ בּוֹ אוֹר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּעַצְמוֹ, אֲשֶׁר חוֹתָמוֹ אֱמֶת, וְאָז נֶאֱמַר עָלָיו: "ה' אוֹרִי וְיִשְׁעִי". וְכֵיוָן שֶׁה' אוֹר לוֹ, יוּכַל לִמְצֹא פְּתָחִים הַרְבֵּה לָצֵאת מֵהַחשֶׁךְ וְהַגָּלוּת שֶׁהוּא סָגוּר שָׁם.

העבערע זאכן דא אין דער וועלט?! - תורה ותפילה, מצוות ומעשים טובים - 'העיקר שהכל תלוי בו', איז 'אמת'!; וואס דו טוהסט זאל זיין מיט אמת!

## דאווענען 'ברחילו ורחימו'

(דער רבי זאגט דארט:) "אז די תפילה איז נישט 'ברחילו ורחימו', קען עס קען נישט ארויפגיין למעלה".

'ברחילו ורחימו'; ווי קען א מענטש קומען צו 'אהבה ויראה'? זאגט דער רבי, פון אמת. 'אמת' דאס איז דער אויבערשטער אליין, "ה' אורי". אז דער אויבערשטער לייכט אים, וועט עס אים שוין ווייזן די טירן ארויסצוקריכן פון דעם חושך.

אז א מענטש ליגט אין א חושך קען ער גארנישט ארויס; ווי קען ער ארויס פון דעם חושך? אז איינער איז אין א פינסטערן קעלער, ער זעהט נישט קיין שום טיר - ווי קען ער ארויס? זאגט דער רבי[כט]: "אין דער תיבה איז געווען אַן 'אבן טוב' - יש אומרים אבן טוב - וואס דער אבן האט געלויכטן". (זאגט דער רבי:) "דער צדיק איז דאך אַן 'אבן טוב', און ווי פינסטער עס איז דעם מענטש, אבער דער אמת - דארטן אין דעם חושך לייכט ער אים, ממילא זעהט ער דער טיר ווי ער זאל ארויס!".

דער רבי זאגט[ל]: "אינ'אמת'ן איז יא דארטן דא טירן; נאר וואס דען? מען זעהט עס נישט ווייל עס איז חושך; אבער אז דער מענטש ציהט זיך צום אמת - דער אמת איז

---

[כט] שם בהמשך, וז"ל: וְהַיְנוּ דִּכְתִיב צֹהַר תַּעֲשֶׂה לַתֵּבָה, כְּלוֹמַר שֶׁתְּדַבֵּר דִּבּוּרֵי אֱמֶת הַמְּאִירִים. וְעַל זֶה פֵּרֵשׁ רַשִׁ"י יֵשׁ אוֹמְרִים אֶבֶן טוֹב וְכוּ' וְיֵשׁ אוֹמְרִים חַלּוֹן, זֶהוּ שֶׁאָמַרְנוּ כִּי יֵשׁ שְׁתֵּי מַדְרֵגוֹת, מִי שֶׁהוּא בְּמַדְרֵגַת אֱמֶת הָאֲמִתִּי, הוּא מֵאִיר בְּעַצְמוֹ. וְזֶה יֵשׁ אוֹמְרִים אִמְרֵי אֱמֶת, שֶׁהֵם אֶבֶן טוֹב שֶׁמֵּאִיר מֵעַצְמוֹ. וְיֵשׁ אוֹמְרִים שֶׁהֵם אִמְרֵי אֱמֶת, אַךְ לֹא בַּמַּדְרֵגָה הַנַּ"ל וְהֵם חַלּוֹן, כִּי יוּכַל אַחֵר לְהָאִיר בּוֹ כְּמוֹ בְּחַלּוֹן. כִּי זֶה הַחִלּוּק שֶׁבֵּין אֶבֶן טוֹב לְחַלּוֹן, כִּי הָאֶבֶן טוֹב מֵאִיר מֵעַצְמוֹ, וְהַחַלּוֹן אֵין מֵאִיר מֵעַצְמוֹ, רַק שֶׁדָּבָר אַחֵר כְּגוֹן הַשֶּׁמֶשׁ וְכַיּוֹצֵא בָּהּ יוּכַל לְהָאִיר בּוֹ.

[ל] שם, וז"ל: כִּי בֶּאֱמֶת יֵשׁ שָׁם פְּתָחִים הַרְבֵּה, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (יוֹמָא לח: מְנָחוֹת כט:): 'הַבָּא לְטַמֵּא פּוֹתְחִין לוֹ, יֵשׁ לוֹ פְּתָחִים הַרְבֵּה'. וְכֵיוָן שֶׁנִּמְצָא שָׁם פְּתָחִים, הָיָה יְכֹלֶת לָצֵאת. רַק הַכְּסִיל בַּחֹשֶׁךְ הוֹלֵךְ (קֹהֶלֶת ב), וְלֹא יִרְאֶה הַפְּתָחִים לָצֵאת, וְהוּא אָסוּר וְקָשׁוּר שָׁם, וְלֹא יִתְּנוּ לוֹ לָצֵאת. עַד אֲשֶׁר יִזְכֶּה לְדַבֵּר דִּבּוּרֵי אֱמֶת לִפְנֵי ה', אֲזַי הַדִּבּוּרִים מְאִירִים, וַה' אוֹר לוֹ כַּנַּ"ל. וַאֲזַי: "פֵּתַח דְּבָרֶיךָ יָאִיר מֵבִין

**דאך א ליכטיגקייט - ה' אורי - דעמאלט זעהט ער ווי אזוי ער זאל ארויס פון דעם חושך".**

## די גאוה מעג מען האבן!

**דער רבי האט דאך אזוי געזאגט: "איך האב אייך אסאך אמת אריינגעבראכט!". מיט וואס? טאקע מיט דעם וואס דער רבי האט איבערגעלאזט די דיבורים מיט די עצות מיט די חברים, אט דאס איז דער 'אסאך אמת אריינגעבראכט'.**

**מען זאל זיך גוט איינ'חזר'ן דער זאך, זיך גוט איינ'חזר'ן אין געדאנק דאס גרויסקייט: 'ברוך השם מיר זענען מקורב צו דעם רבי'ן, דעם בעל כח גדול, וואס דורך דעם רבי'ן קען מען זוכה זיין מען זאל זיך אננעמען מיט אמת!' - אט דעם גבהות מעג מען יא האבן, דעם גבהות מעג מען האבן, "ויגבה לבו בדרכי ה'"[לא], זיין ביי זיך שטאָלץ! 'כל הון דעלמא' טרעפט נישט אָן אנטקעגן דעם! 'כל הון דעלמא' טרעפט נישט אָן אנטקעגן דער זאך!**

**נאר וואס דען, אז איך האב יא דאס פארמעג - זיי נישט קיין שלימזל'ניק, נוץ עס אויס!**

**אונזערע לייט פלעגן זאגן: "א ברסלב'ער חסיד וועט האבן אַן אנדערן 'דין וחשבון'. (כי ישאלו אותו למעלה:) 'דו האסט געפאלגט דיין רבי'ן? פארוואס האסטו נישט געפאלגט דיין רבי'ן? מילא אנדערע האבן נישט געהאט, דו האסט דאך אבער געהאט דיין רבי'ן!"[לב].**

---

פְּתָיִים" (תְּהִלִּים קי"ט). כִּי הַדִּבּוּרִים הַמְּאִירִים, הַיְנוּ דִּבּוּרֵי אֱמֶת כַּנַּ"ל, הֵם מַרְאִין לוֹ הַפֶּתַח. וְהַיְנוּ דְּסִיֵּם 'מֵבִין פְּתָיִים', כִּי הַפְּתָיִים הַנְּתוּנִין בַּחֹשֶׁךְ, וְלֹא יִרְאוּ לָצֵאת, יָבִינוּ וְיִרְאוּ הַפֶּתַח לָצֵאת מֵהַחֹשֶׁךְ.

[לא] דברי הימים-ב יז, ו.

[לב] עיין טעם זקנים קונטרס ט': **"אויף אייך איז שוין עבירה אז איר טוהט אַן עבירה"** - אזוי האט דער רבי געזאגט! (עיין חיי מוהר"ן תקי"ב). אז מיר ווייסן פון דעם רבי'ן, האבן מיר אַן אנדערן חשבון, לעתיד וועט זיין אַן אנדערן דין וחשבון, מיר וועלן אפגעבן דין וחשבון אסאך!

אז דו וועסט זיך מתנצל זיין דארט - 'אוי!' - 'אלעס גוט, דיין רבי'ן האסטו געפאלגט?!'...

## דער פאבריק גייט נאך

עס איז דא עפעס א מין אמת ביים רבי'נס זאך; אינגאנצן דאס תמימות וואס איז דא ביים רבי'ן איז אַן ענין פון אמת.

רבי נתן האט געקרעכצעט פארן הסתלקות צו ער האט יוצא געווען דאס תמימות פון דעם רבי'ן![לג] - עס ליגט דאך דא עפעס א מין אמת, עפעס א מין תמימות ליגט דא.

אט דאס הייסט א חבר - א חבר וואס מען ניצט נאר אויס אויף צו רעדן דיבורים פון דעם תכלית - דאס הייסט א חבר, וואס דען הייסט א חבר?!

'רעדן צום אויבערשטן אזוי ווי פאר אַן אמת'ן גוטן פריינד!' - דער אויבערשטער האט א געוואלדיגן נחת רוח אז מען רעדט די דיבורים צום אויבערשטן - נאכאמאל און נאכאמאל און נאכאמאל.

מילא אז מיר רעדן פון די וואס האבן געקענט דעם רבי'ן - דער דור פון דעם רבי'ן אליין - דאס איז דאך אפגערעדט, און אזוי אויך דער דור פון רבי נתן'ען און דער דור פון רבי נחמן טולטשינער, אבער מיר האבן דאך געקענט אזעלכע דורות וואס זענען נישט געווען - נישט אין 'דעם' דור און נישט אין 'דעם' דור, נאר אפילו שפעטערדיגע דורות - זיי האבן שוין ר' אברהם ר' נחמן'ס אויך נישט געקענט - אבער געווען יראים ושלמים, אנשים כשרים! זעהען מיר דאך אז דער פאבריק, דער 'פלטין של אמת', ווי ער גיט ארוים! ער גיט ארוים!

---

[לג] עיין שיש"ק (חדש), ח"ב, אות תקס"ג: ביום הסתלקותו היה מוהרנ"ת מתאנח מאד; אח"כ אמר לאנ"ש: **"וואס מיינט איר קרעכטץ איך, ווייל איך האב ממעט געווען אין תורה ותפילה? ניין! וויפיל איך האב געקענט - האב איך געהיט די צייט; נאר ווער ווייסט צו איך האב יוצא געווען דאס תמימות פון דעם רבי'ן?!"**.

נאר וואס דען, ער גיט ארויס נאר ווערליג מען ריכט זיך צו; ער שענקט טאקע מתנות, אבער ווען שענקט ער? דער רבי זאגט[לד], אז די קינדערלעך האבן געבענקט, זיי האבן געוויינט - "ווי נעמט מען דא דעם בעטלער וואס ער האט אונז מחיה געווען?!" - דעמאלט שענקט ער מתנות! אבער גלייך שענקען - שענקט ער נישט.

[לד] סיפורי מעשיות מעשה י"ג מהז' בעטלירס.

# על הטוב יזכרו ידידינו היקרים

שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מו"ה יואל (בר"מ)
**פריעדמאן** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל אירוסי בנו החה"ח
יעקב אהרן ני"ו למזל טוב

מו"ה **נחמן**
**יאקאבאוויטש** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל הולדת הבת למזל טוב

מו"ה **מענדל אדלער** הי"ו
קרית יואל
לרגל נישואי בתו למזל טוב

מו"ה **אלטר**, ואחיו מו"ה
**בערל וואגשאהל** הי"ו
לע"נ אמם היקרה, האה"ח מרת אסתר
צירל ע"ה בת ר' צבי אלימלך הכהן
י"ז שבט. ת.נ.צ.ב.ה.

מו"ה **זלמן לייב**
**ראזענבערג** הי"ו
מאנסי
לרגל הולדת בנו החה"ח

מו"ה **בעריש**
**קויפמאן** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל נישואי בנו החה"ח יואל
שמעון ני"ו עב"ג מו"ה אפרים
אליעזר פריעדמאן למזל טוב

מו"ה **יצחק**
**מענדלאוויטש** הי"ו
בארא פארק
לרגל הולדת הבת למזל טוב

מו"ה **יואל בוידעק** הי"ו
מאנסי-ירושלים
לרגל הולדת הבת למזל טוב

בקשו רחמים מרובים עבור האברך **אלטר נפתלי בן ציון** בן **מינדל** לרפו"ש

## לזכרון בהיכל ה'

מו"ה **יצחק יעקב** ב"ר **מרדכי הלוי** ע"ה
נלב"ע י"ד ניסן תשפ"ג

מרת **פיגא רבקה** בת ר' **חיים צבי** ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב תשפ"ב

מרת **רוחמה שרה** ע"ה בת ר' **יצחק** הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט

מו"ה **יעקב** ב"ר **שמואל הכהן** ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים